# דעם רבינ'ס ליכט



אײַערע קינדער זאָלט איר מודיע זײַן
וואָס דאָ האָט זיך גיטאָן (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

## עֶס גֵייט מִיךְ נִישְׁט אָן!

הָאסְטוּ זִיךְ שׁוֹין זִיךְ בַּאגֶעגְנְט מִיט אַזַא וָוארְט: "עֶס גֵייט מִיךְ נִישְׁט אָן"? גֶעוֶוענְלִיךְ אִיז דִי סְלָאגַאן אַ וֶועג זִיךְ ארוֹיסְצוּדְרֵייעֶן פוּן נֶעמֶען אַחֲרָיוּת, אָבֶער לָאמִיר זֶען וִויאַזוֹי מֶען קֶען נוּצְן דִי וֶוערְטֶער אוֹיף אַ גֶעזוּנְטֶע וֶועג.

לָאמִיר פַארְדֶעם זֶען וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט אוֹיף תְּשׁוּבָה.

עֶס אִיז דָא אַ תּוֹרָה אִין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן וָואס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן "לְהִתְחַזֵּק בְּכָל פַּעַם נֶגֶד הַיֵּצֶר הָרָע – זִיךְ אַלֶעמָאל שְׁטַארְקְן קֶעגְן דֶעם יֵצֶר הָרָע" (תּוֹרָה ע"ב)

דֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט אַז וֶוען עֶס מַאכְט זִיךְ אַמָאל אַז אַ מֶענְטְשׁ בַּאקוּמְט אַ הִרְהוּר תְּשׁוּבָה אוּן עֶר וֶוערְט דֶעמָאלְט אַ עֶרְלִיכֶער אִיד, נָאכְדֶעם וִויל עֶר טוּן עֶפֶּעס אַן עֲבוֹדָה, וַוייל זַיין הַארְץ הָאט זִיךְ דֶערְוֶועקְט צוּ תְּשׁוּבָה טוּן, דֶערִיבֶּער וִויל עֶר פָארְן צוּם צַדִּיק.

וֶוען עֶר פָארְט שׁוֹין צוּם צַדִּיק וֶועקְט זִיךְ פְרִישׁ אוֹיף דֶער יֵצֶר הָרָע (עֶס דֶערְמַאנְט דִי מַעֲשֶׂה פוּן רַב אוּן בֶּן יָחִיד) אוּן עֶס וֶוערְט אָפְּגֶעקִילְט בַּיי דֶעם מֶענְטְשׁ דֶער חֵשֶׁק וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט פַארְדֶעם.

וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ אִיז שׁוֹין עֶנְדְלִיךְ אָנְגֶעקוּמֶען צוּם צַדִּיק, דֶעמָאלְט הֵייבְּט אָן דֶער יֵצֶר הָרָע שְׁפְּרִינְגֶען אוּן עֶר רֵייצְט זִיךְ נָאכְמֶער מִיט דֶעם מֶענְטְשׁ, בִּיז דֶער מֶענְטְשׁ פַארְלִירְט לַיידֶער דֶעם גַאנְצְן חֵשֶׁק.

זָאגְט דֶער רֶבִּי: "וֶוער נִישְׁט פַארְלִירְן פוּנְדֶעם, וֶוער נִישְׁט צוּמִישְׁט, דֶער הֶסְבֵּר פוּן דֶעם אִיז זֵייעֶר פָּשׁוּט. בַּיים אָנְהֵייבּ וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ הָאט גֶעהַאט אַ הִרְהוּר תְּשׁוּבָה, הָאט עֶר דֶערְמִיט גֶעהַרְגֶ'עט דֶעם יֵצֶר הָרָע, דֶער ס"מ אִיז גֶעוָוארְן אוֹיס! דֶערְנָאךְ וֶוען עֶר הָאט גֶעוָואלְט פָארְן צוּם צַדִּיק קוּמְט צוּ גֵיין אַ נַייעֶ יֵצֶר הָרָע, וַוייל חֲזַ"ל זָאגְן "כָּל הַגָּדוֹל מֵחֲבֵרוֹ יִצְרוֹ גָּדוֹל מִמֶּנּוּ – וֶוער עֶס אִיז אַ גְרֶעסֶערֶע מַדְרֵיגָה פוּן זַיין חָבֵר, הָאט אַ גְרֶעסֶערֶע יֵצֶר הָרָע", דֶערְפַאר דַארְף עֶר זִיךְ מֶער שְׁטַארְקְן קֶעגְן דֶעם נַייעֶם גְרוֹיסְן יֵצֶר הָרָע.

דֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט זֵייעֶר אַ וִוִיכְטִיגֶע זַאךְ וָואס יֶעדֶער אִינְגְל דַארְף דָאס וִויסְן. כְּדֵי צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן דַאוֶונֶען מִיט כַּוָּונָה, אוֹיבּ עֶס קוּמְט אַרַיין אִין מֹחַ שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת בַּיים דַאוֶונֶען אָדֶער וֶוען אִימֶער, זָאל זִיךְ דֶער מֶענְטְשׁ נִישְׁט צוּטוּן מַאכְן (לֹא יִכְפַּת לֵיהּ) פוּן דִי מַחֲשָׁבוֹת נָאר עֶר זָאל וַוייטֶער טוּן וָואס עֶר הַאלְט אִינְמִיטְן טוּן, אוֹיבּ הַאלְט עֶר אִינְמִיטְן דַאוֶונֶען זָאל עֶר וַוייטֶער זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, אַזוֹי אוֹיךְ בַּיים לֶערְנֶען. אוֹיבּ דִי מַחֲשָׁבוֹת קוּמֶען אִינְמִיטְן טָאג, זָאל עֶר טְרַאכְטְן פוּן עִסְקֵי חוֹל, סְתָם גֶעשֶׁעפְטְן אָדֶער רֶעכֶענֶען חֶשְׁבּוֹנוֹת, אַבִּי זִיךְ נִישְׁט צוּטוּן מַאכְן פוּן דִי מַחֲשָׁבוֹת וָואס וִוילְן צִיעֶן אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט.

דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט דָארְט אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַ מֶענְטְשׁ וָואס אַלֶעמָאל וֶוען עֶר הָאט זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט דַאוֶונֶען הָאט זִיךְ אִים גֶעדַאכְט אַז אַנְטְקֶעגְן אִים שְׁטֵייט אַ גוֹי, דָאס הָאט דֶעם מֶענְטְשׁ זֵייעֶר גֶעפַּיינִיגְט, עֶר הָאט נִישְׁט

נתנדב לעילוי נשמת ר' משה יוסף ז"ל בן ר' ירוחם שמחה לייב, לזכות שנזכה בקרוב להוציא לאור ספרו הק' פניני נצח, שו"ת על ליקוטי מוהר"ן

גֶעקֶענְט דַאוֶוענֶען וֶוען אַ גוֹי שְׁטֵייט אִים קֶעגְן זַיין פְּנִים, וויפִיל עֶר הָאט פְּרוּבִּירְט זִיךְ צוּ שְׁלָאגְן מִיט דִי מַחֲשָׁבוֹת אִיז עֶס נָאר עֶרְגֶער גֶעוָוארְן! בִּיז אַ חָכָם הָאט אִים גֶעגֶעבְּן אַן עֵצָה, עֶס זָאל אִים בִּכְלַל נִישְׁט אָנְגֵיין אַז דֶער גוֹי אִיז דָארְט, "דַאוֶוען וַוייטֶער, לָאז דֶעם גוֹי שְׁטֵיין דָארְטְן אוּן טוּ וַוייטֶער דַיינְס" אַזוֹי וֶועט דֶער דִמְיוֹן פוּנֶעם גוֹי אַוֶועק גֵיין.

דֶער רֶבִּי פִירְט אוֹיס; אַז דֶער עִיקָר אִיז זִיךְ צוּ הֵיילְן און מְטַהֵר זַיין און גֵיין צוּ אַ חָכָם וָואס זָאל אִים גֶעבְּן אַ רִיכְטִיגֶע עֵצָה אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ.

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז מִיר אַלֶע זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ תְּשׁוּבָה טוֹב, מִיט דִי כּוֹחַ פוּן דִי צַדִּיקֵי אֱמֶת וָואס מִיר גְלֵייבְּן אִין זֵיי. עֶס זָאל שׁוֹין מְקֻיָּם וֶוערְן דֶער גֶעבֶּעט "אוֹר חָדָשׁ עַל צִיּוֹן תָּאִיר וְנִזְכֶּה כֻלָּנוּ יַחַד בִּמְהֵרָה לְאוֹרוֹ, אָמֵן

# איין מעשה'לע



## בְּעֶזְר הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וֶועל אִיךְ גֶעהָאלְפְן וֶוערְן

אַסַאךְ מַעֲשֶׂה'לֶעך פוּן תְּפִלָּה צוּם בַּאשֶׁעפֶער לֵייגְן זִיךְ אַזוֹי: "אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטְן און אִיךְ בִּין גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן. אִיךְ הָאבּ אָבֶּער אַן אַנְדֶערֶע מַעֲשֶׂה, "אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן און אִיךְ וֶועל בְּעֶזְר הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ גֶעהָאלְפְן וֶוערְן..."

יֶעדֶעס מָאל וֶוען עֶס קוּמְט פָאר אַ גוֹרָל אִין חֶדֶר בֶּעט אִיךְ דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ זָאל גֶעוִוינֶען אָבֶּער אִיךְ הָאבּ נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעוִוינֶען. אַמָאל וֶוען אִיךְ פְלֶעג הֶערְן אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט דֶער גֶעוִוינֶער פְלֶעג אִיךְ זַיין זֵייעֶר טְרוֹיעֶרִיג. אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אַז מַיינֶע תְּפִלּוֹת זֶענֶען חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט וֶוערְד. אָבֶּער הַיינְט בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיז אִיךְ בִּין שׁוֹין עֶלְטֶער און מֶער דֶערְוַואקְסְן פַארְשְׁטֵיי אִיךְ אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער לֵייגְט אַוֶועק אַלֶע מַיינֶע תְּפִלּוֹת און עֶר וֶועט עֶס אַרוֹיסְנֶעמֶען אִין אַ צַייט וֶוען אִיךְ וֶועל זִיךְ נוֹיטִיגְן דֶערִין. אֶפְשָׁר וֶוען אִיךְ וֶועל חַס וְשָׁלוֹם אַמָאל דַארְפְן אַ רְפוּאָה אָדֶער אִיךְ וֶועל מוּזְן הָאבְּן עֶפֶּעס וִויכְטִיג וֶועט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אַרוֹיסְנֶעמֶען אַלֶע מַיינֶע אָנְגֶעקְלִיבֶּענֶע תְּפִלּוֹת.

עֶס קֶען זַיין אַז וֶוען אִיךְ וֶועל זַיין אַ טַאטֶע און מַיין קִינְד וֶועט הָאבְּן אַ גוֹרָל, אֶפְשָׁר וֶועט עֶר גֶעוִוינֶען וַוייל אִיךְ הָאבּ אַזוֹיפִיל יָארְן צוּרִיק גֶעמַאכְט תְּפִלּוֹת...

מַיין טַאטֶע הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט אַז וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ בָּחוּר און זַיין בְּרוּדֶער וָואס אִיז גֶעוֶוען עֶלְטֶער פוּן אִים הָאט לֵיידֶער נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ הָאבְּן קִינְדֶער, און מַיין טַאטֶע הָאט אִין זַיינֶע בָּחוּר'ישֶׁע יָארְן גָאר אַסַאךְ מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען פַאר זַיין בְּרוּדֶער, און וָואס הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט? אַז מַיין טַאטֶע הָאט וֵוינִיגֶער פוּן אַ יָאר נָאךְ זַיין חֲתוּנָה זוֹכֶה גֶעוֶוען מִיךְ צוּ גֶעבּוֹירְן. מַיין פָאטֶער הָאט עֶס אָפְּגֶעלֶערְנְט וַוייל הַמִּתְפַּלֵּל בְּעַד חֲבֵרוֹ - אַז מֶען דַאוֶונְט פַאר חָבֵר וֶוערְט דֶער מִתְפַּלֵּל קוֹדֶם גֶעהָאלְפְן.

דָאס קֶען זַיין אַ גוּטֶע עֵצָה, אַז וֶוען מֶען וִויל גֶעהָאלְפְן וֶוערְן פַאר סַיי וֶועלְכֶע זַאךְ קֶען מֶען מִתְפַּלֵּל זַיין פַאר אַ צְווייטְן וָואס דַארְף דִי זַאךְ, וֶועט דִי תְּפִלּוֹת פּוֹעֶל'ן נָאךְ שְׁנֶעלֶער אוֹיף זִיךְ אַלֵיין!

דֶער עִיקָר, טֵייעֶרֶע חֲבֵרִים גֶעדֶענְקְט! קֵיין אֵיין תְּפִלָּה וֶוערְט חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט פַארְלוֹירְן. דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער עֶנְטְפֶערְט נִישְׁט אַלֶעמָאל וִוי אַזוֹי אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט נָאר וִוי אַזוֹי עֶר פַארְשְׁטֵייט אַז ס'אִיז גוּט פַאר מִיר!




*מיר האבן געזען לעצטע וואך ווען ר' נתן האט פארשטאנען דעם צושטעל: אז פונקט ווי דער הייליגער אריז"ל האט געליטן און ליידער פארלוירן זיין קינד ווייל ער האט מגלה געווען סודות פאר זיין תלמיד רבי חיים וויטאל , אזוי אויך האט דער הייליגער רבי געליטן און פארלוירן זיינע גאר נאנטע, ווייל ער האט אנטפלעקט די סודות התורה כדי צו ממשיך זיין גאנץ כלל ישראל זיי זאלן משיג זיין דעם באשעפער און מקבל זיין זיין עול מלכות שמים.*

לאמיר צוענדיגן דעם קאפיטל ווי רבי נתן קאכט ארום די שיחות וואס איז ארויסגעקומען פון הייליגן רבינ'ס מויל.

"דער הייליגער רבי האט אנטפלעקט די געטליכקייט פונעם אייבערשטן אויף דער וועלט אויף אומצאליגע וועגן, סיי בגלוי און סיי באהאלטן - דורך מגלה זיין תורה, הייליגע שמועסן, משלים, מעשיות, ניגונים, און אפילו דורך פשוט'ע טעגליכע שמועסן, ווי דער הייליגער רבי האט באהאלטן גאנצעטע תורות, אויף אסאך סארטן וועגן."

אבער, כדי מצליח צו זיין אין דעם דאזיגן הייליגן עבודה, האט דער הייליגער רבי געדארפט האבן א קלוגן און פארשטענדיגן תלמיד חכם וואס זאל קענען אינגאנצן משיג זיין זיינע כוונות אין אלע זיינע וואונדערליכע אנטפלעקונגען. דער דאזיגער תלמיד זאל אפשרייבן זיינע תורות, און דינען אלס דער וואס ברענגט ארויס און גיבט איבער די השפעה און זאל זיין דער וואס שעפט און גיסט איבער די הייליגער רייד פון זיין רבי'נס תורה פאר די קומענדיגע דורות.

רבי נתן צוקאכט זיך : "אשרינו וואס מיר האבן זוכה געווען צו שטיין פאר אים און הערן דעם הבל - די הייליגע לופט וואס קומט ארויס פון זיין הייליגן מויל."

טאקע רבי נתן איז געווען יענער באגאבטער תלמיד און דער פאסיגער כלי איבערצוגעבן דעם הייליגן רבינ'ס חכמה פאר דער וועלט אויף אייביג.

וואס מער רבי נתן איז געווארן נאנט צו הייליגן רבי'ן, האט ער אלס טיפער פארשטאנען וויאזוי יעדע תורה, יעדער שמועס, און יעדעס ווארט

פארמאגט אין זיך וואונדערליכע אוצרות און וועגן וויאזוי צו דינען דעם באשעפער, סיי פאר זיין אייגענעם דור און סיי פאר אלע קומענדיגע דורות.
אלס א רעזולטאט פון דעם דאזיגן פארשטאנד, האט רבי נתן גאר שטארק מקפיד אפצושרייבן אלעס וואס ער האט געהערט פון הייליגן רבי'ן, אן צו פארלירן אפילו דעם קלענסטן דעטאל, אזוי ווי רבי נתן אליין שרייבט: "וויפיל מאל האט ער אונז געווארנט מיר זאלן אפשרייבן יעדן שמועס וואס מיר הערן פון זיין הייליג מויל". אויך האט דער רבי געזאגט: "[מען פארשטייט אז] דאס וואס שטייט געשריבן אין א ספר קען מען נאכקוקן און איבערלערנען אויב מ'געדענקט עס נישט, אבער אלעס וואס איר הערט פון מיין מויל וועט איר שוין קיינמאל נישט הערן נאכאמאל. דערפאר מוזט איר גאר גוט געדענקען יעדעס איינציג ווארט און אלעס אפשרייבן - יעדע שמועס און יעדע מעשה." (און צוליב דעם האב איך אנגעהויבן אפשרייבן טייל שמועסן וואס איך האב געהערט פון זיין הייליגן מויל אליין אדער דורך אנדערע, אבער מ'האט אפילו נישט אפגעשריבן אפילו א טויזנטסטל פון וואס ער האט גערעדט) (חיי מוהר"ן תקנ"ז).
צו ענדיגן דעם קאפיטל איז כדאי צו ברענגען נאך א שטיקל וואו רבי נתן ברענגט ארויס די געוואלדיגע חשיבות פון יעדע איינציגע שמועס וואס איז ארויס פון הייליגן מויל פון רבי'ן: "ס'איז נישט געווען קיין קבועות'דיגע צייט ווען ער פלעגט זאגן תורה... נאר ווען אימער השי"ת האט אונז מזכה געווען, האבן מיר געהאט די זכיה צו הערן וואונדערליכע תורה פון זיין מויל. אמאל איז עס געווען פרייטאג צו נאכטס, אמאל שבת אינדערפרי, אמאל מוצאי שבת נאך הבדלה, און אמאל אינמיטן די וואך. און אסאך מאל פלעגט פאסירן אז אינמיטן א שמועס, ווען ער פלעגט רעדן מיט אונז אסאך איבער וועלטליכע ענינים, און מיר פלעגן אים דערציילן וואס ס'איז אונז נאר אויפן געדאנק געקומען, האבן מיר נאכדעם זוכה געווען צו הערן פון אים אסאך תורה. און די תורה איז געווען לויט די שמועסן וואס מיר האבן געהאט מיט אים. דאס פלעגט פאסירן זייער אפט, אזוי ווייט אז מיר האבן אנגעהויבן צו זען מיט די אייגענע אויגן אז זיינע שיחות זענען כולו תורה. און יעדעס מאל וואס מיר האבן גוט אויסגעהערט זיין הייליגע רייד, האבן מיר געזען אז אלע זיינע ווערטער זענען וואונדערליכע תורה, ביז מיר האבן אנגעהויבן אפצושרייבן טייל פון זיינע שמועסן, אבער אפילו נישט קיין טויזנטסטע אדער צען־טויזנטסטע חלק איז נישט געווארן אפגעשריבן..."
און רבי נתן ענדיגט צו מיט א געוואלדיגע התלהבות: "וואויל איז פאר די צייט, וואויל איז פאר די שעה, וואויל איז פאר די רגע וואס מיר האבן זוכה געווען צו שטיין פאר אים און הערן די הבל פון זיין הייליגן מויל. ווער וועט אונז געבן נאכאמאל אזא שעה? וואלטן מיר זיך געקייקלט טויזנטער מייל אין די שטויב צו זוכה זיין צו קומען פאר אים צו הערן דעם הבל פון זיין הייליג מויל, וואס איז העכער פון יעדע סארט קדושה" (חיי מוהר"ן קכ"ו).

# לעובדא ולמעשה

אִין דִי עֶלְטֶערֶע יָארְן פוּן הָרַב הֶחָסִיד ר' לֵוִי יִצְחָק בֶּענְדֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אִיז זַיין רְאִיָּה זֵייעֶר שְׁוַואךְ גֶעוָוארְן בִּיז עֶס אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אַ מַצָּב אַז עֶר הָאט מַמָּשׁ נִישְׁט גֶעקֶענְט זֶען, אָבֶער זַיינֶע שִׁעוּרִים כְּסִדְרָן וָואס עֶר הָאט יָארְן גֶעהִיטְן הָאט עֶר נִישְׁט גֶעוָואלְט אָפְּשְׁטֶעלְן כָּאטְשׁ זַיין שְׁוֶוערְן צוּשְׁטַאנְד, דֶערִיבֶּער הָאט עֶר אָפְּגֶערֶעדְט חַברוּתוֹת מִיט אִינְגֶעלַייט וֶועלְכֶע זֶענֶען גֶעקוּמֶען לֶערְנֶען מִיט אִים צוּזַאמֶען, דֶער יוּנְגֶערְמַאן הָאט פַארְגֶעלֵיינְט הוֹיךְ דִי וֶוערְטֶער אוּן אַזוֹי הָאט ר' לֵוִי יִצְחָק גֶעקֶענְט וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין לֶערְנֶען זַיינֶע שִׁיעוּרִים. עֶס אִיז גֶעוֶוען מָאלְן וָואס דֶער חַבְרוּתָא הָאט אַ טָעוּת גֶעהַאט מִיט אַ שׁוּרָה אָדֶער גֶעאִיבֶּערְט אַ וָוארְט הָאט אִים ר' לֵוִי יִצְחָק בַּאלְד פַארְרָאכְטְן זַיין גְרַייז, מֶען הָאט מַמָּשׁ גֶעזֶען אַז דִי אַלֶע בְּלֶעטֶער גְמָרָא, מִשְׁנָיוֹת, חֻמָּשׁ, זֹהַר אוּן סִפְרֵי רַבֵּינוּ לִיגְן אִים אַזוֹי וִוי אַ אָפֶענֶער סֵפֶר פַאר דִי אוֹיגְן כָּאטְשׁ עֶר קֶען נִישְׁט זֶען, דָאס אַלֶעס פוּן אַסַאךְ הַתְמָדָה וָואס עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶעהִיט דִי צַייט אוּן דוּרְכְגֶעלֶערְנְט אַלֶע יָארְן דִי אַלֶע סְפָרִים.



**טַייעֶרֶע קִינְדֶער, יֶעצְט חֹדֶשׁ אֱלוּל אִיז דִי צַייט צוּ נֶעמֶען אַ סֵפֶר'ל פוּן רֶבִּי'ן אוּן עֶס דוּרְכְגֵיין בַּאֲמִירָה, ווִי עֶס אִיז בַּאקַאנְט דִי גֶעוואלְדִיגֶע קְדוּשָּׁה וָואס עֶר בְּרֶענְגְט אוֹיף אַ אִיד, וֶוען מֶען זָאגְט דִי וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אַזוֹי ווִי דִי קְדוּשָּׁה פוּנֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר הַזֹּהַר, וָואס מֶען פִירְט זִיךְ אִין דִי טֶעג צוּ זָאגְן.**

הָרַב הֶחָסִיד ר' שְׁמוּאֵל הוֹרוִויץ זַ"ל פְלֶעגְט זִיךְ פִירְן אַז גְלַייךְ וֶוען עֶר פְלֶעגְט אַהֵיים קוּמֶען אִין שְׁטוּב צוּפְרִי נָאכְן דַאוֶוענֶען וָותִיקִין פְלֶעגְט עֶר אוֹיפְוֶועקְן דִי קִינְדֶער כָּאטְשׁ עֶס אִיז נָאךְ גֶעוֶוען גַאנְץ פְרִי אוּן ס'אִיז גֶעוֶוען אַסַאךְ צַייט אֵיידֶער זֵיי דַארְפְן גֵיין אִין תַּלְמוּד תּוֹרָה וַוייל עֶר הָאט זֵיי גֶעוָואלְט אַיינְגֶעוואוֹינֶען נָאךְ פוּן קְלֵיינְוַוייז אָן צוּ זַיין אַ 'מִתְגַּבֵּר כַּאֲרִי' אוֹיפְשְׁטֵיין פְרִי לַעֲבוֹדַת הַבּוֹרֵא, עֶס אִיז גֶעוֶוען מָאלְן וָואס דִי עֶלְטֶערֶע קִינְדֶער פְלֶעגְן זָאגְן אַז זֵיי זֶענֶען נָאךְ שְׁלֶעפֶערִיג אוּן ווִילְן דַארְפְן זִיךְ אוֹיסְשְׁלָאפְן נָאךְ אַבִּיסְל הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט : "מֶען וֶועט זִיךְ נָאךְ אָפְּרוּעֶן נָאךְ הוּנְדֶערְט אוּן צְוָואנְצִיג אִין בֵּית הַחַיִּים" דָאס מֵיינְט, נָאךְ דִי פְּטִירָה וֶועט מֶען שׁוֹין אָפְּצָאלְן דָאס שְׁלָאף...

## געראטעוועט

# פון די בערן טויט



בַּיי דער עֶרְשְׁטֶער וועלט מִלְחָמָה הָאבְּן די ענגלענדער איינגענומען אַ גרויסער חֵלֶק פון מיטל מִזְרָח, אונטערבּרעכענדיג די מעכטיגע טערקישע אימפּעריע. בַּיי די בְּלוטיגע שְׁלאַכְטְן, ווען אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל איז נאך געווען אונטער די טערקן, זענען ליידער פיל אידן געווארן מאָבּיליזירט צו דינען אין מיליטער אויף דער טערקישער זייט. צווישן זיי איז געווען אַ חָשׁוּבֶ'ער בְּרֶסְלֶבֶ'ער חָסִיד, ר' גְּדַלְיָה בְּערגער ז"ל. אַזאַ חָשׁוּבֶ'ער איד וואלט ענדערש געפּאסט צו זיצן בֵּין כּוֹתְלֵי בֵּית הַמִּדְרָשׁ ווי זיך דרייען מיט אַ שׁיסער אין האנט. אָבער וואס האבן די טערקן געוואוסט פון אַ תַּלְמִיד חָכָם צו זאגן, בַּיי זיי זענען אַלע מענטשן גְלַייך און ווען ס'איז דא אַ מִלְחָמָה דארפן זיך אַלע מִשְׁתַּתֵּף זיין.

הרה"ח ר' גְּדַלְיָה איז געבוירן געווארן כ' אֲדָר, תרכ"ה אין באַרְדִיטְשׁוּב. ער איז געווען אַ פְלַאם פייערדיגע בְּרֶסְלֶבֶ'ער חָסִיד, דָבוּק צום אויבערשטן. אין יענע צייט האט רַבִּי אַבְרָהָם בֶּן ר' נַחְמָן חַזָן זַצ"ל פאַראויס געזען די צָרוֹת וואס וועלן באטרעפן כְּלַל יִשְׂרָאֵל אין חוּץ לָאָרֶץ און זיך געבעטן בַּיי זיינע תַּלְמִידִים צו ארויפגיין קיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. איינער פון די וועלכע האבן געהאט אֱמוּנַת חֲכָמִים און געפאלגט איז געווען ר' גְּדַלְיָה. אינאיינעם מיט ר' אַבְרָהָם האבן זיי געמאַכט דעם שווערן וועג ארויף קיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

אָנקומענדיג צום היילגן לאנד, האט ר' גְּדַלְיָה זיך גְלַייך אַריינגעזעצט אין בֵּית הַמִּדְרָשׁ. ער האט נישט פאַרפאַסט קיין איין טאג בַּיים כֹּתֶל-הַמַּעֲרָבִי וואו ער האט זיך אויסגעגאסן דאס הארץ צום באַשעפער.

טראָץ דעם וואס ר' גְּדַלְיָה איז געווען אַן אָרימאַן, האט ער מיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ געמאַכט דעם שווערן וועג קיין אוּמאַן אַפאָר מאָל אַ יאָר.

ר' גְּדַלְיָה האט פאַרציילט צווישן זיינע זִכְרוֹנוֹת: "ווען איך האב געדאַרפט דינען אינעם טערקישן מיליטער, האב איך בַּייגעוואוינט אַ מוֹרָא'דיגע נֵס. מיין מיליטערישע מַחֲנֶה איז דאן געווען אין בְּאֵר-שֶׁבַע געגנט פאר אַ וויכטיגע מִסְיֶע צו היטן דער גאנצער אַרום. איין טאג האט מיר אָנגעכאַפּט אַ חֵשֶׁק זיך צו טוּבְלֶ'ען אין מִקְוֶה נאכן זיין גאנצע חֳדָשִׁים אָן אַ מִקְוֶה. איך בין אַרויס פון די מַחֲנֶה צו גיין זוכן אַ בּוֹר אין געגנט. איך האב אויסגעשפּירט יעדע פְלאַץ און ווינקל און נישט געקענט טרעפן אַ קוואל וואַסער. נישט באַמערקנדיג האב איך זיך אָנגעהויבן דערווייטערן אַלץ מער און מער. אַזוי איז אַריבער אַסאַך קריטישע מינוטן וואס איך האב געפעלט פון מַחֲנֶה. כ'האב גאנץ גוט געוואוסט אַז יעדע רֶגַע וועט מען איבערציילן די סאָלדאַטן און מען וועט געוואר ווערן אַז איך פעל. אין יענע טעג האט אַ מענטשליכער לעבן נישט געטראָגן קיין ווערד, אין אַ רֶגַע האט מען געקענט חַס וְשָׁלוֹם פּסקְ'נען צום טויט. אָבער איך האב מיך נישט געקענט איינהאלטן פון גיין אין מִקְוֶה.

לְמַעֲשֶׂה האב איך קיין וואַסער נישט געפונען.

«



## טייערע קינדער

בשעת ענק זאגן די קליינע תפלה אויף ראש השנה, טרעף די ווערטער אינעם קעסטל:

"באשעפער, שטיי צו אונזער הילף מיר זאלן זוכה זיין (8) צעברעכן אלע מניעות, זוכה זיין קומען צו די אמת'ע (20) צדיקים אויף ראש השנה און זיך מקשר זיין צו זיי מיט אן אמת, און זוכה זיין בשלמות צו ריינע (19) געדאנקען און מחשבות."

איך האב געהערט נאכזאגן פון רבי'ן: "ווען א מענטש פרעגט דעם צדיק אויב ער זאל טון א זאך וואס איז דא דערין א מסירות נפש פארן איבערשטן, איז פאסיג אז דער צדיק זאל ענטפערן און אים באפעלן דאס נישט צוטון, מיט דעם אלעם דארף דער וואס פרעגט נישט איינהאלטן זיינע רייד." זאגט ר' נתן, אזוי האב איך געהערט נאכזאגן פון רבי'ן.

נאך האב איך געהערט ווערן אן אנדערע ענין: "אלעס וואס דער צדיק באפעלט צו טון דארף מען מקיים זיין, נאר ווער דער צדיק באפעלט מען זאל נישט פארן צו אים אויף ראש השנה, דאס דארף מען נישט איינהאלטן."

מִיט שְׁנֶעלֶע טְרִיט הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ מַאכְן דֶער וֶועג צוּרִיק. מַיין קָאפּ אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר פַּארְ'דַאֲגֶה'עט וָואס מַיין בָּרוּךְ הַבָּא וֶועט זַיין. אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ זָארְגְן וֶועגְן מַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער וָואס אִיךְ הָאבּ אִיבֶּערְגֶעלָאזְט אִינְדֶערְהֵיים. מַיינֶע טְרִיט זֶענֶען גֶעוֶוען שְׁוֶוערֶע אוּן לַאנְגְזַאמֶע בִּיז אִיךְ הָאבּ דֶערְגְרַייכְט דֶער מִילִיטֶערִישֶׁער לַאגֶער אוּן גֶעטְרָאפְן אַ חוּרְבְּן וָואס דִי עֶנְגְלֶענְדֶער הָאבְּן אָנְגֶעמַאכְט. קֵיינֶער אִיז מֶער נִישְׁט גֶעוֶוען מִיר צוּ בַּאשְׁטְרָאפְן פַּארְן מַאכְן פְּלֵיטָה אָן רְשׁוּת!"

# נעמט מיך ארויס!

אַ זִיסֶע אַייז-קְרִים, און אַנְשְׁטָאט אִים צוּ מוּסְר'ן, הָאט עֶר אִים אָנְגֶעהוֹיבְּן דֶערְצֵיילְן וִויאַזוֹי עֶר אַלֵיין פְלֶעגְט זַיין אַ צֶעוִוילְדֶעוֶועטֶער אַלְס קִינְד.

אִינְמִיטְן דֶערְצֵיילְן הָאט עֲקִיבָא גֶעעֶנְטְפֶערְט פוּן טִיפְן הַארְצְן: "אִיךְ וֵויים בֶּאֱמֶת אַז מַיין אוֹיפְפִירוּנְג אִיז נִישְׁט גוּט. יֶעדֶעס מָאל וֶוען אִיךְ קוּם אַהֵיים נָאךְ אַ גֶעפֶעכְט, טוּט מִיר עֶס זֵייעֶר וֵויי. אָבֶּער ס'אִיז מִיר מַמָשׁ שְׁוֶוער זִיךְ צוּ בַּאהֶערְשְׁן; אִיךְ הָאבּ אַ גְרוֹיסְן יֵצֶר הָרָע, עֶס אִיז מִיר שְׁוֶוער קֶעגְן אִים זִיךְ צוּ פַארְמֶעסְטְן..."

וֶוען שְׁמֶערְל הָאט דָאס גֶעהֶערְט, הָאט עֶר זִיךְ

המשך פון די לעצטע זייט

שְׁטַארְק גֶעפְרֵיידְט. עֶר הָאט גֶעווָאוּסְט אַז דֶער גוּטֶער ווִילְן וָואס עֲקִיבָא וַוייזְט יֶעצְט אַרוֹיס, וֶועט אִים זִיכֶער הֶעלְפְן אִינְגַאנְצְן בַּייצוּקוּמֶען זַיינֶע שְׁוֶועריִגְקַייטְן. וָואךְ נָאךְ וָואךְ הָאט עֶר וַוייטֶער גֶערֶעדְט צוּ אִים מִיט שֵׁיינֶע און פְרִידְלִיכֶע וֶוערְטֶער, בִּיז בִּיסְלֶעכְוַוייז אִיז עֲקִיבָא גֶעוָוארְן אַ רוּאִיג און וואוֹיל קִינְד.

יָא! עֲקִיבָא אִיז גֶעוֶוען גְרֵייט זִיךְ צוּ הֶעלְפְן, עֶר הָאט נָאר גֶעדַארְפְט דֶעם רִיכְטִיגְן מֶענְטְשׁ וָואס זָאל אִים הֶעלְפְן בּוֹחֵר זַיין דִי רִיכְטִיגֶע און גְלַייכֶע זַאךְ וָואס עֶס פַּאסְט פַאר אַזַא טַייעֶר קִינְד.



# סיפורי מעשיות משנים קדמוניות

## מַעֲשֶׂה יב' דֶער 'בַּעַל-תְּפִילָה'

הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן דֶער 'מְמוּנֶה', און אִיז אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען צוּם 'גִבּוֹר'! – און עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן [פוּן] דִי 'לַייט' [מֶענְטְשְׁן] פוּן דֶעם 'גִבּוֹר': "אוֹיבּ ס'אִיז מֶעגְלִיךְ זִיךְ צוּ זֶעהְן מִיט אִים"?!

הָאבְּן זֵיי גֶעזָאגְט: "[אַז] זֵיי וֶועלְן מֶעלְדֶעוֶוען [אִים מוֹדִיעַ זַיין, און אִים פְרֶעגְן]"! הָאבְּן [זֶענֶען] זֵיי [גֶעגַאנְגֶען, און הָאבְּן אִים] גֶעמֶעלְדֶעוֶועט [גֶעפְרֶעגְט]! הָאט עֶר גֶעהֵייסְן: "אִים אַרַיינְלָאזְן"!

אִיז דֶער 'מְמוּנֶה' אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען צוּם 'גִבּוֹר'! הָאבְּן זֵיי זִיךְ – אֵיינְס דָאס אַנְדֶערֶע – דֶערְקֶענְט!

אִיז צְוִוישְׁן זֵיי גֶעוֶוען, [גְרוֹיסֶע] 'שִׂמְחוֹת' און 'בְּכִיּוֹת', כַּנַ"ל! – (דְהַיְינוּ: זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר פְרֵיילֶעךְ גֶעוֶוען, [אוֹיף דֶעם] וָואס זֵיי הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען זִיךְ גֶעפוּנֶען [צוּ טְרֶעפְן] אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן! – און הָאבְּן ווִידֶער זֵייעֶר גֶעוֵויינְט: "ווִי נֶעמְט [וִויאַזוֹי גֶעפוּנְט] מֶען נָאךְ דִי 'אִיבְּרִיגֶע לַייט' [פוּנֶעם 'מֶלֶךְ'], הַנַ"ל.

הָאט דֶער 'גִבּוֹר' זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּם 'מְמוּנֶה': "[זָאלְסְטוּ ווִיסְן, אַז:] אוּנְזֶער כָּשֵׁר'ער 'בַּעַל-תְּפִילָה', אִיז אוֹיךְ דָא! – און אִיךְ הָאבּ אִים שׁוֹין [אוֹיךְ] גֶעזֶעהְן! – און עֶר אִיז שׁוֹין גֶעוָוארְן אַ 'מֶלֶךְ'"!

הָאט דֶער 'מְמוּנֶה' דֶערְצֵיילְט [פַאר] דֶעם 'גִבּוֹר': "אַז עֶר אִיז אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען [אַרִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען] אִיבֶּער 'אַלֶע'! דְהַיְינוּ: אִיבֶּער דֶעם 'אָרְט' פוּן דֶעם 'מֶלֶךְ', מִיט [און אוֹיךְ אִיבֶּער דֶעם אָרְט פוּן] דִי '[אַלֶע] לַייט', הַנַ"ל [וָואס אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]! – נָאר אִיבֶּער 'זֵיי בֵּיידֶע', אִיז עֶר נִישְׁט אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען

[אַריבֶּערגֶעגאַנגֶען]! – דְהַיְינוּ: אִיבֶּער דֶעם 'אֶרְט' פוּן דֶעם 'בַּעַל-תְּפִילָּה' מִיט דֶעם 'גִבּוֹר', אִיז עֶר נִישְׁט אִיבֶּערְגֶעגאַנְגֶען [אַרִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען]"!

הָאט דֶער 'מְמוּנֶה' גֶעשְׁמוּעֶסְט [צוּזַאמֶען מִיט דֶעם 'גִבּוֹר': "מְכַּח [אוֹיף דֶעם זַאךְ פוּן 'דֶער [אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶער] מְדִינָה' – וָואס זַיי זֶענֶען אַזוֹי פַארְנַארִישְׁט גֶעוָוארְן, אוּן זֶענֶען אַזוֹי פַארְפִירְט [פַארְבְּלָאנְדְזֶעט] גֶעוָוארְן, אִין דֶעם 'גֶעלְט' – בִּיז זַיי זֶענֶען אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין 'אַזוֹינֶע נַארִישְׁקַייט'"!

הָאט דֶער 'גִבּוֹר' גֶעעֶנְטְפֶערְט [פַאר] דֶעם 'מְמוּנֶה', דָאס [דֶעם זֶעלְבְּן 'עֶנְטְפֶער'] וָואס עֶר הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט [פַאר] דֶעם 'בַּעַל-תְּפִילָּה' [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט – פֶּרֶק ט אוֹת ד]:

"אַז עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּן דֶעם 'מֶלֶךְ': אַז וֶוער ס'פַאלְט אַרַיין [אִיז גֶעוָוארְן אַיינְגֶעזִינְקֶען] אִין דֶער [דָאזִיגֶער] 'תַּאֲוָה פוּן גֶעלְט' – קֶען מֶען אִים בְּשׁוּם-אוֹפֶן נִישְׁט אַרוֹיסְנֶעמֶען דֶערְפוּן [ס'אִיז אִים בְּשׁוּם-אוֹפֶן נִישְׁט מֶעגְלִיךְ זִיךְ צוּרִיקְצוּקֶערְן אוּן אַרוֹיסְצוּגַיין פוּן דָארְט]! – נָאר דוּרְךְ דֶעם 'וֶועג' וְכוּ' [וָואס ס'פַארְהַאנֶען צוּם 'שְׁוֶוערְד' – וָואס פוּן דָארְט נֶעמְט דֶער 'גִבּוֹר' דִי כֹּחַ פוּן זַיין 'גְבוּרָה'], כַּנַ"ל

הָאבְּן זַיי וַוייטֶער 'מַרְחִיב זְמַן' גֶעוֶוען! – דְהַיְינוּ: [אַז] דֶער 'מְמוּנֶה' הָאט גֶעפּוֹעֶלְט בַּיים 'גִבּוֹר': "אַז עֶר זָאל [פַאר דִי מֶענְטְשְׁן פוּן] 'דֶער מְדִינָה', נָאךְ גֶעבְּן אַ צַייט וַוייטֶער. הָאט זַיי דֶער 'גִבּוֹר': "גֶעגֶעבְּן [צוּגֶעגֶעבְּן], נָאךְ אַ צַייט. דֶערְנָאךְ, הָאבְּן זַיי זִיךְ גֶעמַאכְט 'סִימָנִים' צְווִישְׁן זִיךְ – דֶער 'מְמוּנֶה' מִיט דֶעם 'גִבּוֹר'!

אוּן דֶער 'מְמוּנֶה', אִיז זִיךְ אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען פוּן דֶעם 'גִבּוֹר'! אוּן עֶר הָאט זִיךְ אוּמְגֶעקֶערְט [צוּרִיקְגֶעקֶערְט] אִין דֶער [אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶער] 'מְדִינָה [פוּן עֲשִׁירוּת]' אַרַיין!

(אוּן דֶער [דָאזִיגֶער] 'מְמוּנֶה' – פְּלֶעגְט זַיי בְּוַודַאי אוֹיךְ זַייעֶר שְׁטְרָאפְּן [מוּסָר זָאגְן]: "אוֹיף זַייעֶר 'שְׁלֶעכְטְן וֶועג' וָואס זַיי זֶענֶען [אַזוֹי שְׁטַארְק] אַרַיינְגֶעפַאלְן [פַארְפִירְט אוּן פַארְבְּלָאנְדְזֶעט גֶעוָוארְן] אִין דֶעם '[תַּאֲוָה פוּן גֶעלְט'"! – נָאר עֶר הָאט זַיי נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרוֹיסְפִירְן דֶערְפוּן – וָוארְן זַיי זֶענֶען שׁוֹין דֶערִינֶען, זַייעֶר אַיינְגֶעוָוארְצְלְט [אַיינְגֶעזִינְקֶען] גֶעוֶוען!

נָאר פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן פָּארְט – מַחֲמַת דֶער 'בַּעַל-תְּפִילָּה' אוּן [אוֹיךְ] דֶער 'מְמוּנֶה', הָאבְּן שׁוֹין מִיט זַיי פִיל גֶעשְׁמוּעֶסְט [מוּסָר גֶעזָאגְט] – זֶענֶען זַיי שׁוֹין אַבִּיסְל מְבוּלְבָּל [צוּמִישְׁט גֶעוָוארְן]! – אוּן זַיי פְלֶעגְן זָאגְן: "אַדְרַבָּא! נֶעמְט אוּנְז אַרוֹיס דֶערְפוּן [פוּן אוּנְזֶערֶע 'נַארִישְׁקַייט']"!

כָאטְשֶׁע זַיי הָאבְּן זִיךְ נָאךְ גֶעהַאלְטְן שְׁטַארְק אִין זַייעֶר 'נַארִישֶׁער-דֵיעָה', אוּן הָאבְּן גָארְנִישְׁט גֶעוָואלְט אַרוֹיס פוּן זַייעֶר [שְׁלֶעכְטֶער 'נַארִישְׁקַייט'! – נָאר זַיי פְלֶעגְן שׁוֹין פָּארְט [פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן] זָאגְן, אַז [וֶוען] מְ'הָאט זַיי גֶעשְׁטְרָאפְט [גֶעזָאגְט מוּסָר]: "אַדְרַבָּא! אַז ס'אִיז [אוֹיב ס'אִיז טַאקֶע] יָא אַזוֹי [אַזוֹי-וִוי 'עֶנְקֶער דֵיעָה'], אַז מִיר זֶענֶען אִין 'טָעוּת' [אוּן אִין גְרוֹיס פַארְבְּלָאנְדְזֶעטְקַייט] – נָא [אִיז אוֹיב אַזוֹי] נֶעמְט אוּנְז אַרוֹיס פוּן אוּנְזֶערֶע 'נַארִישְׁקַייט'")!

הָאט דֶער 'מְמוּנֶה', זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּ 'דֶער מְדִינָה': "אִיךְ וֶועל אַייךְ גֶעבְּן אַ 'עֵצָה' (אַקֶעגְן דֶעם 'גִבּוֹר')! – וָוארְן אִיךְ וַויים דֶעם 'כֹּחַ' פוּן דֶעם 'גִבּוֹר', פוּן וַואנֶעט עֶר נֶעמְט [דִי כֹּחַ פוּן זַיין] זַיין 'גְבוּרָה'"!

אוּן [עֶר] הָאט זֵיי דֶערְצֵיילְט: ״דִי זַאךְ פוּן דֶער 'שְׁוֶוערְד' הַנַ״ל [וָואס אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט – פֶּרֶק ו אוֹת ד; פֶּרֶק ט אוֹת ד; סוֹף פֶּרֶק י], וָואס פוּן דָארְט נֶעמְט דֶער 'גִבּוֹר' [דִי כֹּחַ פוּן] זַיין 'גְבוּרָה'״!

״בְּכֵן (דֶעריִבֶּער)! וֶועל אִיךְ מִיט אַייךְ גֵיין, צוּ דֶעם 'אֶרְט' [פְּלַאץ] פוּן דֶער 'שְׁוֶוערְד' הַנַ״ל! – אוּן דוּרְכְדֶעם וֶועט אִיר קֶענֶען בַּאשְׁטֵיין [בַּיישְׁטֵיין; זִיךְ שְׁטַארְקְן] אַקֶעגְן דֶעם 'גִבּוֹר'! – (וָוארְן אִיךְ וֶועט זִיךְ [דָאךְ] אוֹיךְ נֶעמֶען 'גְבוּרָה' פוּן דָארְט)״!

אוּן דִי [אֱמֶת'ע] 'כַּוָונָה' פוּן דֶעם 'מְמוּנֶה' אִיז גֶעוֶוען: ״אַז [וֶוען] זֵיי וֶועלְן שׁוֹין אַהִינְקוּמֶען צוּ דֶעם 'אֶרְט' פוּן דֶער 'שְׁוֶוערְד' – וֶועלְן זֵיי זִיךְ שׁוֹין [דוּרְכְדֶעם קֶענֶען זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן, אוּן] אַרוֹיס פוּן זֵייעֶר 'תַּאֲוָה פוּן גֶעלְט'״!

(וָוארְן דוּרְךְ דֶעם [דָאזִיגְן] 'וֶועג' וָואס ס'אִיז [פַּארְהַאן] צוּ דֶער 'שְׁוֶוערְד' – דוּרְכְדֶעם נֶעמְט מֶען זִיךְ אַרוֹיס פוּן דֶער 'תַּאֲוָה פוּן גֶעלְט', כַּנַ״ל. הָאט 'דִי [הָאבְּן דִי] מֶענְטְשְׁן פוּן דִי] מְדִינָה', צוּגֶענוּמֶען [אָנְגֶענוּמֶען] זַיין 'עֵצָה'!

אוּן [דִי 'מֶענְטְשְׁן פוּן דִי מְדִינָה'] הָאבְּן אַרוֹיסְגֶעשִׁיקְט [מִיט אִים] דִי 'גְרוֹיסֶע לַייט' פוּן זֵיי, וָואס זֵיי זֶענֶען בַּיי זֵיי גֶעוֶוען 'גָאטְן' – אַז זֵיי זָאלְן אִינְאֵיינֶעם גֵיין מִיט דֶעם 'מְמוּנֶה', צוּ דֶער 'שְׁוֶוערְד' הַנַ״ל (אוּן דִי 'גָאטְן', דְהַיְינוּ: דִי 'עֲשִׁירִים' זֵייעֶרֶע, וָואס זֵיי זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען מִיט דֶעם 'מְמוּנֶה' – זֶענֶען בְּוַודַאי גֶעגַאנְגֶען אָנְגֶעטָאן אִין [מִיט] 'צִירוּנְג' פוּן 'גָאלְד' אוּן 'זִילְבֶּער' [וָואס אִיז גֶעוֶוען אָנְגֶעהָאנְגֶען אוֹיף זֵיי]! – וָוארְן דָאס אִיז זִיךְ [דָאךְ] בַּיי זֵיי דֶער עִיקַר גֶעוֶוען)! זֶענֶען זֵיי אִינְאֵיינֶעם גֶעגַאנְגֶען – דֶער 'מְמוּנֶה', מִיט דִי 'גְרוֹיסֶע לַייט פוּן דֶער מְדִינָה' וָואס זֵיי הֵייסְן בַּיי זֵיי 'גָאטְן'!

הָאט דֶער 'מְמוּנֶה', מוֹדִיעַ גֶעוֶוען דִי [דָאזִיגֶע] זַאךְ צוּם 'גִבּוֹר': ״בַּאֲשֶׁר [אַז] עֶר גֵייט מִיט זֵיי זוּכְן, דָאס 'אֶרְט' [פְּלַאץ] פוּן דֶער 'שְׁוֶוערְד'!

– אוּן [אַז] זַיין כַּוָּונָה אִיז: – טָאמֶער וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין אִין [אִינְמִיטְן] וֶועג, צוּ גֶעפִינֶען דֶעם 'מֶלֶךְ' מִיט דִי לַייט [זַיינֶע]״! הָאט זִיךְ דֶער 'גִבּוֹר' אָנְגֶערוּפְן [צוּם 'מְמוּנֶה']: ״אִיךְ וֶועל אוֹיךְ גֵיין מִיט דִיר״!

הָאט זִיךְ דֶער 'גִבּוֹר' פַארְשְׁטֶעלְט (כְּדֵי דִי 'לַייט' וָואס זֵיי גֵייעֶן מִיט דֶעם 'מְמוּנֶה', זָאלְן נִישְׁט ווִיסְן אַז עֶר אִיז דָאס דֶער 'גִבּוֹר' אַלֵיין)! – אוּן אִיז אוֹיךְ גֶעגַאנְגֶען מִיט דֶעם 'מְמוּנֶה'!

הָאבְּן זֵיי זִיךְ מְיַישֵׁב גֶעוֶוען (דֶער 'מְמוּנֶה' מִיט דֶעם 'גִבּוֹר'): ״[אַז] זֵיי וֶועלְן דָאס מוֹדִיעַ זַיין [לָאזְן ווִיסְן פַאר] דֶעם 'בַּעַל-תְּפִילָה' אוֹיךְ״! הָאבְּן זֵיי אִים מוֹדִיעַ גֶעוֶוען! הָאט זִיךְ דֶער 'בַּעַל-תְּפִילָה' אָנְגֶערוּפְן: ״[אַז] עֶר ווִיל אוֹיךְ גֵיין מִיט זֵיי״! אִיז דֶער 'בַּעַל-תְּפִילָה' צוּ זֵיי גֶעגַאנְגֶען! אוּן דֶער 'בַּעַל-תְּפִילָה' הָאט אָנְגֶעזָאגְט 'זַיינֶע לַייט', אֵיידֶער עֶר אִיז אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען:

״אַז זֵיי זָאלְן דֶערוֵויל מִתְפַּלֵל זַיין: אַז 'הַשֵּׁם-יִתְבָּרַךְ' זָאל זֵיי מַצְלִיחַ זַיין זֵייעֶר וֶועג! אַז זֵיי זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ גֶעפִינֶען דֶעם 'מֶלֶךְ' מִיט דִי 'לַייט'״

וָוארְן דֶער 'בַּעַל-תְּפִילָה' פְּלֶעגְט תָּמִיד דֶערוֵויל מִתְפַּלֵל צוּ זַיין: ״אַז ס'זָאלְן זִיךְ אָפְּזוּכְן דֶער 'מֶלֶךְ' מִיט דִי 'לַייט' [זַיינֶע]״! – אוּן [עֶר] פְּלֶעגְט תָּמִיד הֵייסְן [פַאר] 'זַיינֶע לַייט': ״אַז זֵיי זָאלְן אוֹיךְ דֶערוֵויל מִתְפַּלֵל זַיין״! – אוּן עֶר הָאט זֵיי גֶעמַאכְט [מְתַקֵן גֶעוֶוען] 'תְּפִילוֹת', וָואס זֵיי זָאלְן דֶערוֵויל מִתְפַּלֵל זַיין!

אוּן אִיצְט ווִי [יֶעצְט וֶוען] עֶר הָאט גֶעוָואלְט גֵיין צוּ דֶעם 'מְמוּנֶה' מִיט דֶעם 'גִבּוֹר', כְּדֵי זֵיי זָאלְן אִינְאֵיינֶעם גֵיין זוּכְן דֶעם 'מֶלֶךְ' מִיט 'זַיינֶע לַייט' – הָאט עֶר זֵיי נָאכְמֶער אָנְגֶעזָאגְט [אָנְגֶעוָוארְנְט]: ״אַז זֵיי זָאלְן דֶערוֵויל מִתְפַּלֵל זַיין תָּמִיד, אַז זֵיי זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ גֶעפִינֶען זֵיי״!

נאמ:____________

# לאמיר זיך פארהערן



## די צוועלעוועטע מעשה - דער בעל תפילה

**א. וואס איז געווען ווען ער האט זיך געטראפן מיט דעם גבור?**
- ❑ גרויסע שמחות
- ❑ געוויין
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ב. אויף וועלכע פלעצער איז דער ממונה נישט אריבער?**
- ❑ דעם בעל תפלה און דעם גבור
- ❑ דעם מלך און די מלכה
- ❑ דעם חכם און דעם מליץ

**ג. וואס ענטפערן די מדינה של עשירות פאר דער ממונה ווען ער פרובירט זיי אויפווייזן דעם אמת?**
- ❑ אונז ווילן נישט הערן
- ❑ אדרבה נעמט אונז ארויס פון אונזער נארישקייט
- ❑ זיי האבן גלייך אפגעלאזט תאוות ממון

**ד. וועלכע עצה האט זיי דער ממונה געגעבן?**
- ❑ אז מ'זאל גיין צום יד פון דעם חכם
- ❑ אז מ'זאל גיין צום בויגן פון דעם גבור
- ❑ אז מ'זאל גיין צום פלאץ פון דעם שווערד

**ה. וועמען האבן זיי מיטגעשיקט מיט דעם ממונה?**
- ❑ די עשירים וואס זענען ביי זיי גאטין
- ❑ די ארימע לייט וואס זענען ביי זיי חיות
- ❑ די פשוטע מענטשן

**ו. שאלת זכות: וואס איז געווען די כוונה פון דעם ממונה מיט'ן גיין צום שווערד?**
- ❑ צו ארויס נעמען די מדינה של עשירות פון תאוות ממון
- ❑ צו טרעפן דעם מלך מיט זיינע מענטשן
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ז. האבן די מענטשן פון מדינה של עשירות געוואוסט אז דער גבור איז מיט זיי?**
- ❑ זיכער
- ❑ נאר איינער האט געוואוסט
- ❑ זיי האבן נישט געוואוסט

**ח. וואס האט דער בעל תפלה געטוהן ווען ער האט געהערט אז זיי גייען?**
- ❑ ער איז געבליבן אויף זיין פלאץ דאווענען
- ❑ ער איז צוריק ארויס חוץ לישוב
- ❑ ער איז אויך געגאנגען מיט זיי

ט. האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?
- ❑ איינמאל
- ❑ צווייםאל
- ❑ איך האב געוואלט



## טיפער געטראכט

**ווער פון די אנשי המלך איז געגאנגען דער ערשטער אויפן וועג צום שווערד ?**
**און וויפיל אנשי המלך זענען געגאנגען צוזאמען דערוויי ?**
**וויפיל מאל זענען די מענטשן פון די מדינה של עשירות געגאנגען פון זייער מדינה ?**
**און וואס איז אנדערש די מאל וואס זיי זענען געגאנגען מיטן ממונה צו די פריערדיגע מאל ?**

**תשובות אויף די מעשה פון דער בעל תפילה (13)**

אין וועג וואס די שלוחים פון די מדינה של עשירות זענען געגאנגען און האבן געטראפן דער ממונה אויף די אוצרות – זענען זיי געגאנגען אויף זייער וועג וואס זיי האבן געוואלט גיין? זיי זענען פארבלאנדזעט געווארן

צו ענטפערן די בחינות, רופט
646-585-3040 02-5-3333-72

# נעמט מיך ארויס!

דֶער מְמוּנָה הָאט דוּרְכְגֶערֶעדְט דִי זַאךְ מִיטְ'ן גִיבּוֹר אוּן אִיז צוּרִיקְגֶעפָארְן צוּ דִי מְדִינָה פוּן גֶעלְט. עֶר הָאט זַיי שַׁארְף מוּסָר גֶעזָאגְט אוֹיף זַייעֶרֶע שְׁלֶעכְטֶע אוּן פַארְקְרוּמְטֶע וֶועגְן, אוּן זַיי מַסְבִּיר גֶעוֶוען וִוי טִיף זַיי זֶענֶען פַארְפַאלְן אוּן צוּמִישְׁט גֶעוָוארְן אִין זַייעֶר גֶעיֶעג נָאךְ גֶעלְט אוּן תַּאֲווֹת הַמָּמוֹן. אָבֶּער אַלֶע זַיינֶע רֵייד, זַיינֶע תַּחֲנוּנִים אוּן הֶסְבֵּרִים, זֶענֶען גֶעוֶוען לְטִמְיוֹן. גָארְנִישְׁט הָאט נִישְׁט גֶעהָאלְפְן. זַיי זֶענֶען שׁוֹין גֶעוֶוען אַזוֹי טִיף אַיינְגֶעגֶעסְן אִין זַייעֶר גְרוֹיסְן טָעוּת פַאר פִילֶע יָארְן.

אָבֶּער, וִויבַּאלְד דֶער בַּעַל תְּפִילָה מִיטְ'ן מְמוּנָה הָאבְּן זַיי אַזוֹיפִיל מוּסָר גֶעזָאגְט אוּן זַיי אַבִּיסְל צוּמִישְׁט, הָאבְּן זַיי זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּ דִי מוֹכִיחִים: "אַדְּרַבָּה! אוֹיבּ סְ'אִיז טַאקֶע אַזוֹי וִוי אִיר זָאגְט, אַז מִיר גֶעפִינֶען זִיךְ אִין אַזַא גֶעפֶערְלִיכְן טָעוּת אוּן צוּמִישֶׁענִישׁ, דֶעמָאלְט נֶעמְט אוּנְז אַרוֹיס פוּן אוּנְזֶער טָעוּת!"

וִוי נָאר עֶר הָאט גֶעהֶערְט אַז זַיי בֶּעטְן זִיךְ אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן זַייעֶר פַאלְשְׁן וֶועג, הָאט עֶר זַיי גְלַייךְ גֶעגֶעבְן אַן עֵצָה: זַיי זָאלְן מִיטְגֵיין מִיט אִים צוּ דֶעם פְּלַאץ פוּנֶעם שְׁוֶועְרְד פוּן וואוּ דֶער גִבּוֹר נֶעמְט זַיין כֹּחַ, אוּן אַזוֹי אַרוּם וֶועלְן זַיי קֶענֶען בַּייקוּמֶען דֶעם יֵצֶר.

טְרַאכְט אַרַיין, וֶוען הָאבְּן זַיי זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ בַּאקוּמֶען דִי רִיכְטִיגֶע עֵצָה? פּוּנְקְט וֶוען זַיי הָאבְּן אַרוֹיסְגֶעוִויזְן דֶעם רָצוֹן אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן זַייעֶר טָעוּת! וֶוען זַיי הָאבְּן גֶעזָאגְט, "נֶעמְט אוּנְז אַרוֹיס פוּן אוּנְזֶער טָעוּת." דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי 'אִתְעֲרוּתָא דִלְתַתָּא' וָואס זַיי הָאבְּן אַלֵיין אָנְגֶעהוֹיבְּן, דָאס בִּיסְל וָואס זַיי הָאבְּן יָא גֶעקֶענְט טוּהְן. כָאטְשׁ זַיי זֶענֶען גֶעוֶוען אַזוֹי טִיף דֶערִין, הָאט דִי בַּקָּשָׁה אַלֵיין אוּן דָאס אַרוֹיסְזָאגְן דֶעם וִוילְן שׁוֹין גֶעבְּרֶענְגְט דִי יְשׁוּעָה, אוּן זַיי הָאבְּן בַּאקוּמֶען דִי רִיכְטִיגֶע הַדְרָכָה.

יֶעדֶע מוֹצָאֵי שַׁבָּת הָאט זִיךְ אָפְּגֶעטוּהְן אַ פְּרִישֶׁע פַּרְשָׁה אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ. אִינְמִיטְן מַעֲרִיב הָאט מֶען פְּלוּצְלִינְג גֶעהֶערְט הוֹיכֶע קוֹלוֹת פוּן פָּאלִישׁ. טֵייל מִתְפַּלְלִים זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעלָאפְן שְׁרַייעֶן, בִּשְׁעַת אַנְדֶערֶע זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען שְׁלֶעפְּנְדִיג עֲקִיבָא'ן בַּיי דִי הֶענְט אוּן אִים גֶעטְרָאגְן צוּ זַיין טַאטְן. דֶער גַּבַּאי, וָואס אִיז יֶעדֶעס מָאל גֶעוָוארְן אוֹיפְגֶערֶעגְט פוּנְדָאסְנַיי, הָאט הוֹיךְ אָנְגֶעשְׁרִיגְן עֲקִיבָא'ן אַז עֶר טְרֶעפְט אַלְץ מִיט וֶועמֶען זִיךְ צוּ קְרִיגְן אוּן שְׁלָאגְן, בִּיז עֶר וַוארְפְט יֶענֶעם אַרָאפּ אוֹיף דֶער עֶרְד.

דָאס אִיז גֶעוָוארְן דֶער שְׁמוּעֶס פוּן טָאג בַּיי דִי אִידְן אִין שׁוּל. "וָואס טוּט מֶען מִיט דֶעם ווִילְדְן אוּן חוּצְפָּה'דִיגְן עֲקִיבָא? וִויאַזוֹי מַאכְט מֶען אַ סוֹף צוּ דֶעם אַז עֶר זָאל מֶער נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען אַנְדֶערֶע קִינְדֶער? וִויאַזוֹי קֶען מֶען אִים בַּארוּאִיגְן אוּן אָפְּשְׁטֶעלְן דִי אַלֶע קְרִיגֶערַייעֶן אַרוּם אִים?"

עֶטְלִיכֶע הָאבְּן פָארְגֶעשְׁלָאגְן אִים צוּ גֶעבְּן קְלֶעפּ, אַנְדֶערֶע הָאבְּן גֶעטַעֲנָה'ט אַז דָאס אִיז נִישְׁט דֶער וֶועג, אוּן מְ'דַארְף אִים פָּשׁוּט סְטְרַאשֶׁען אוּן וָוארֶענֶען אַז עֶר זָאל מֶער נִישְׁט קוּמֶען אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ. פִּילֶע פְּלֶענֶער זֶענֶען אוֹיפְגֶעקוּמֶען, בִּיז שְׁמֶערְל דֶער בַּעַל קוֹרֵא הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן גָאר פָּשׁוּט: "לוֹיט מַיין מֵיינוּנְג, דַארְף מֶען רֶעדְן צוּ אִים זַייעֶר קְלָאר, אָן אַוֶועקְמַאכְן, אָן קֵיין סְטְרַאשׁוּנְגֶען אוּן אָן אִים בַּאשׁוּלְדִיגְן."

מֶען הָאט טַאקֶע אוֹיסְגֶעוֶועלְט שְׁמֶערְלְ'ן אַלְס דֶער שְׁלִיחַ. עֶר הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשְׁמוּעֶסְט מִיט עֲקִיבָא זִיךְ צוּ טְרֶעפְן מִיט אִים נָאךְ דִי לִימוּדִים, אִים גֶעקוֹיפְט



המשך אויף זייט 8